„Radomer Kielcer Leben“ 40 (380) „Należytość pocztowa uiszczono rycsałtem“ VIII-ער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייט.

Radom, dnia 16 Paź. 1931 r.

ראדאם, פרייטאג ה' חשון תרצ"ב

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אנאנסען - פרייז:
אין מילימעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאלטען
8 שפאלטען
אין טעקסט 4 "

**Dr. F. ŻABNER**

אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
האט זיך איבערגעצויגען
אויף מאריאצקע 4 — טעלעפ. 2745
און בענייט ווידער די אויפנאמען.

ציוניסטישע ארגאניזאציע אין פוילען אבט. אין ראדאם.

## שבת ד. 17|10 ד. י. 1:30 נ. מ. פינקטליך

קומט פאר אין קינא „קארסא“ א רעפעראט
פון פארזיצענדען פון דער ציונ. ארג. אין פוילען
דעפ. יצחק גרינבוים
א. ד. ט.

## די יעצטיגע פאליטישע לאגע אין פוילען און אין ציוניזם

בילעטען פון 50 גר. ביז 1 זל. צו בעקומען אין דער ציונ. באנק (לובל. 25)




**Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.**

General. przedstawicielstwo na okręg kielecko-radomski

DOM KOMISOWY **M. CUKIERMAN** KIELCE

ul. Sienkiewicza 29, Telefon 455.

טעאטער „ראזמאיטאשטשי“ טעאטער

נאר 1 מאל! היינט דעם 16|10 נאר 1 מאל!

ווערט געשפילט פון די צוויי בערימטע ארטיסטען

## מאריס לאמפע און שושנה

מיט זייער געקליבענעם אנסאמבל דער לעצטער שלאגער

## א הארץ וואס בענקט

לעבענס-בילדר אין דריי אקטען מיט געזאנג

דאמען פריי!
דאמען פריי!
ווערער 2 מאן אויף 1 בילעט.
בילעטען ביי דער קאסע.

טעאטער ראזמאיטאשטשי

## בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דאס ג. פובליקום פון ראדאם און אום-געגענד דאס-
דער בעזיטצער
## קירזשנער=ווארשטאט
פון חיים גאלדשטיין מיט זאהן וואלאווא 23 האט זיך איבערגעצויגען אויף דער לובלינער 25 אין הויף
פאריבער נעבען דער ציוניסטישער ארגאניזאציע
ס'ווערט אויסגעפיהרט אלערלעי קורזשנער-ארבייט מענער און דאמען
רעעל און פינקטליך! — קומט און איבערצייגט אייך
מיט אכטונג חיים גאלדשטיין מיט זאהן.

# אוז וואו איז יודיש?..

אין יודישען אקאדעמיקער-קרייז, קו- מען פאר פון צייט צו צייט, לעבעדיגע ציינטונגען. געגאנגען בין איך אויף דער לעבעדיגער צייטונג פול מיט האפנונג צו הערען דאס װארט פונם יודישען אקאדעמיקער אין ערנסטע פראגען פון היינטיגען לעבען, אי אלגעמיינעם אי יודישען. ליידער בין איך אביסעל ענטוישט געװארען. קיין איין ארטיקעל, וואס זאל בעהאנדלען א ערנסטען ענין וואס שטעהט היינט צו טאג אויף דער טאג-ארדנונג. נישט געווען קיין איין ארטיקעל וואס זאל בעהאנדלען די לא- גע פון יוד אין דער היינטיגער צייט און נישט פון דעם אידישען סטודענט, וואס געפינט זיך אין א אויסער-ארדענט- ליכע לאגע, ווערענדיג דורך פרעמדע בעגרעניצט אין זיינע ארבייטס-פעהיג- קייטען.

באמת איך פערשטעה נישט די מענ- שען וואס „רעזאנירען" דעם „פארום". עס קומען מענשען נישט אקאדעמיקער וועלענדיג האבען א געוויסען נוצען פון די ארטיקלען, געשריבען דורך די צו- קונפטיגע פראפעסיאנעלע אינטעליגענץ, אבער צום בעדויערען איז עס נישט אזוי. איינס איז אבער כאראקטעריסטיש פאר אונז, דער אידישער סטודענט שרייבט נאר פויליש. קיין איין ארטי- קעל װעט איהר נישט געפונען, וואס זאל זיין געשריבען אין דער העברעאי- שער אדער יודישער שפראך. מען מוז אבער גלייכצייטיג אונטערשטרייכען, אז אז עס זענען פערהאנען אקאדעמיקער, װעלכע קענען אין יודישען בעסער. איך פערשטעה נישט, פארװאס זיי טהו- ען דאס נישט. דערהייל מוזן מיר פעסט- שטעלען, אז די יודישע אקאדעמיקער בויקאטירען אונזערע שפראכען. אין אנדערע שטעדט איז די לאגע גאר א אנדערע, אבער דערוייל זענען מיר אין ראדאם, אין די שטאדט ראדאם... אויב אויב עמיצער האט שוין יא אנגעשריבען א ארטיקעל, אין וועלכען ער רופט צו שטיצען דעם חודש פון יודישען בוך, האט ער זיין ארטיקעל בעענדיגט מיט א אפעל צו שטיצען דאס „זשארגאנאװע בוך"...

ענטוישט אויף דער גאנצער ליניע. געמיינט האב איך אז מיר האבען זיך צו שטיצען אויף די מענשען, וואס װע- לען אין קורצען פערלאזענדיג די הויך שולען, אריינטרעטען אין דער יודישער געזעלשאפט, אבער איך האב געהאט אטעות.

פ. פישמאן.




# א סוד פאר גאנץ ראדאם.

א סך מענטשען וואונדערן זיך און פרעגען דערשטוינט, וואס איז די סיבה וואס די אויסארבעטונגען פון דער פיר- מע „ליליפוט" זיינען אזוי גיך גע- װארן פאפולער און אלע כאפן עס ממש פון די הענד. די סיבה איז אבער א פשוטע, די אויסארבעטונגען פון דער פירמע „ליליפוט ווי :

**באק-פולווער, צוקער-וואנילען, אלייקעס צו באקן** זיינען אויסגע- צייכענט אין זייער קוואליטעט און ווער עס קויפט נאר איין מאל, וועט שוין דעם צווייטען מאהל קיין אנדערע ניט קויפן און וועט זוכן אין אלע געשעפטן, נאר די אויסארבעטונגען פון דער פיר- מע „Lilipu t"

# א גראשען א ציגעל

### פאר אזא פרייז האט מען פערקויפט 80.000 ציגעל אויף א ליציטאציע.

א אינטערעסאנטע ליציטאציע איז פארגעקומען די טעג ביי איינעם פון די היגע ציגעל-פאבריקאנטען.

דער בעקאנטער ציגעל-אינדוסטריע- לער ה' וו. ראזענבוים האט געהאט צו בעצאהלען דער קראנקען - קאסע א געוויסע סומע געלד פאר זיינע פערזי- כערטע ארבייטער פאר א לענגערע צייט. נאך איינינע מאהל דערמאנען דעם בעל-חוב צו רעגולירען דעם אבצאל האט די קאסע ענדליך געלעגט אן ארעסט אויף די ציגל און פערעפענטליך א ליציטאציע.

אויף דער ליציטאציע האט זיך נישט געמאלדען קיין שום קויפער אויסער צוויי בעאמטע טון סראנקען-קאסע פון וועלכע איינער האט ליציטירט און דער צווייטער האט געקויפט. ס'זענען אזוי ארום אויסערקויפט געווארען 80.000 צוגעל פאר 800 זל. דער גליק- ליכער קויפער האט אלזא איינגעהאנ- דעלט א מציאה: א ציגעל פאר א ראשען.

ה' ראזענבוים נישט קאנענדיג בליי- בען גלייכגילטיג ווי אזוי ס'ווערט אויס פערקויפט זיין מאיאנטעק האט זיך תיכף געװענדעט צו א אדװאקאט װעל- כער האט פון געריכט ארויסבעקומען א „זאטשימאניע" געגען אויספיהרען די ליציטאציע ביז דער ענין וועט נישט אויפגעקלערט ווערען פאר דער געריכט'ס מאכט.

דער קויפער. וועלכער האט ארייני געלייגט זיין גאנצען אויסגעבארגטען קאפיטאל אין דער קניה, האט אבער אויך נישט אויפגעגעבען זיין טראנזאק- ציע פאר פארשפילט און ער טענה'ט אז וואס איז ער שולדיג, אז ס'האט זיך איהם געטראפען א געלעגענהייט צו קויפען אזוי ביליג.

וואס דערפון וועט ארויסקומען און ווער ס איז גערעכט דאס וועט בעוויזען ווערען אין געריכט. דערווייל װעלען זיך ביידע האבען צו פראצעסירען ווער ווייסט ווי לאנג.

# דוד פינסקיס מייסטערווערק דער אוצר

### אין טעאטער ראזמאיטאשטשי.

שבת דעם 71-טען אקטאבער ד. י וועט געשפיעלט ווערען דורך דער דרא- מאטישער סעקציע ביים ארבעטער היינ- לעל אין ראדאם, די אויסגעצייכענטע קאמעדיע פון דוד פינסקי „דער אוצר".

דער אוצר איז די איינציגע אריגי- נעל יודישע קאמעדיע וואס די יודישע בינע פערמאגט. און איז דאס שענסטע ליטערארישע ווערק פון דעם געניאלען קינסטלער דוד פינסקי, וואס כאראקטע- ריזירט און ווייזט סאטיריש דאס גאנצע יורישע כלי קודש מיט אלע פילאנטרא- פישע חברה'ס.

דער אוצר איז דורך דער דראמ. סעקציע בעארבעט און רעזשיסירט גע- װארן ווי אין ווארשעווער יודישן קונסט טעאטער „וויקט". עס איז פאראויס- צוזעהען א גרויסע פעראינטערעסירונג פון ליבהאבער פון אידישע ליטערארי- שע בינע-ווערק אין אונזער שטאדט.

כדי צו געבען די מעגליכקייט אלע שיכטען אין ברייטערע מאסען די אינ- טערעסאנטע פארשטעלונג צו זעהן האט די פערוואלטונג פון ארבעטער ווינקעל באשטימט די נידעריגסט פאפולערע פרייזען פון בילעטען.

# קעלצער אבטיילונג.

## שרעקליכער רויב-מארד איבער צוויי יודען און איין קריסט

די קיעלצער אויספארשונג'ס-מאכט איז היינטיגען דינסטאג אליארמירט געווארען וועגען א גרויזאמען באנדיטען-אנפאל ביי מיעכאוו.

עס איז באלד דעלעגירט געווארען א פאליציי-פאטרול אויפן ארט פון פאר-פאל. ווי עס איז פעסטגעשטעלט געווא-רען זענען די פרטים פון מארד פאל-גענדע:

די צוויי יודישע פעדער-סוחרים סוחרים אברהם סאלעוויטש און בנימין שטייניק פון דזיאלאשיץ (קיעלצער וואָ-יעוו.) זענען מא:טאג שפעט אין אווענד אהיימגעפאהרען אויף א פוהר פון קראָ-קא מיטפיהרענדיג מיט זיך 4 טויזענד זלאָטעס פאר פערקויפטע סחורות. ווען די סוחרים האבען זיך געפונען 2 קי-לאמעטער אונטער מיעכאוו זענען זיי פלוצים בעפאלען געווארען פון א רוי-בער-באנדע, וועלבע האט זיך געווארפען אויף זיי מיט רעוואלווערען. די סוחרים האבען געפרובט שטעלען א ווידערשטאנד, אבער דא האבען די באנדיטען אויסגעשאסען און די 2 יו-דען ווי אויך דער קריסטליכער פורמאן זענען געפאלען טויט. די באנדיטען זענען באלד נעלם געווארען מיט'ן צו-גערויבטען געלד.

א שעה נאכ'ן מארד איז פערביי געפא-רען א אויטא מיט א גלח, וועלכער האט דערזעהענדיג דאס שרעקליכע בילד, געמאלדען דעם נאהנטען פאלי-ציי-וואך.

דער בעסטיאלער מארד האט אין דער גאנצער געגענד ארויסגערופען א שרעקליכען רושם. די פאליציי פיהרט א ענערגישע אויספארשונג.

לויט ווי מיר דערוויסען זיך איז דער לעצטער מינוט איז די פאליציי אויף די שפורען פון די מערדער.

## א ווירטשאפטליכע צוזאמענפאהר אין קעלץ.

זונטאג דעם 18-טען ה. ח. 11 א זייגער קומט פאר אין זאל פון שטאדט-ראט א וויכטיגער ווירטשאפטליכער צו-זאמענפאהר מיט'ן אנטייל פון פארשטע-הער פון אלע האנדעל און אינדוס-טריע-צווייגען אין קעלצער וואיעוואודז-טווע.

דער צוזאמענפאהר איז גערופען דורך דער איניציאטיוו פון דער האנ-דעלס-קאמער אין סאסנאוויעץ.

## א שאך טורנע.

לעצטענס האט זיך אין קיעלץ גע-שאפען א שאכיסטען-קלוב, וועלכער געפינט זיך אין לאקאל פון „מכבי." דעם 17-טען ה. ח. ארדענט איין דער קלוב א אינטערעסאנטען טורנע מיט א קאנקורס איבער דער מייסטער-שאפט פון קיעלץ.

## א ארץ-ישראל באזאר

ווי מיר דערוויסען זיך וועט אין קורצען געעפענט ווערען אין קיעלץ א ארץ-ישראל-באזאר איינגעארדענט דורכ'ן קרן-קימת-לישראל. דער באזאר וועט זיין פערזעהן מיט די שענסטע און בעסטע אויסארבייטונגען פון דער א"י פראדוקציע

דער ספעציעלער קאמיטעט, וואס איז צו דעם צוועק געשאפען, מאכט אלע נויטיגע פארברייטונגען, אז דער באזאר זאל אויספאלען זעהר אימפאָ-זאנט.

## פערזענליכעס.

אין קיעלץ ווייל̇ט היינט אדוו. אלימלך קירשענבוים, וועלכער איז געקומען אויף א קורצע צייט פון ארץ-ישראל אויף א בעזוך צו זיינע עלטערן אין קיעלץ.

אדוו. קירשענבוים איז איינער פון די אנפיהרער פון „התאחדות עולי פולניה" און א שטענדיגער מיטארביי-טער פון דער העברעאישער טאג-צייטונג „דואר היום".

## דאנקזאגונג.

די פערוואלטונג פון לינת-הצדק אין קעלץ

דריקט אויס א דאנק אלע, וואס האבען מנדר געווען קלענערע אדער גרע-סערע סומען במשך דעם חדש תשרי פאר אונזער אינסטיטוציע.

בעזונדערס ווערט אויסגעדריקט א דאנק די מתפללים פון ביהמ"ד „לינת-הצדק"

און פון סאקאלאווער שטיבל.

## טוביה דער מילכיגער

### פיעסע פון שלום-עליכם

אויסגעפירט דורך: ר. שושנה און מ. לאמפע.

איבעראַרבייטען שלום עליכם'ס טוביה דער מילכיגער אויף א דראמע איז זי-כער געווען א שווערע אויפגאבע ביי וועלכער דער איבעראַרבייטער בערקא-וויטש האט נישט געקענט רעכענען אויף הונדערט-פראצענטיגער קינסטלע-רישער דערגרייכונג.

נאוועלען האבען אויך התחייבות'ן יעדאך מעגליכקייטען בולט צו מאכען סיטואציע און כאראקטער-טיפען דורך סוביעקטיווע, ווי אויך אביעקטיווע שיל-דערונג. דראמע — כאטש מיר זענען שוין א מהלך אוועק פון קלאסישע וויקעל-בענדער — איז יעדאך בעגרע-ניצט. געוויסע פאסירונגען מוזען אויך היינט, ווי אין דער אלטער גריכישער דראמע, דערצעהלט ווערען. טוביה מוז זיינע פעריפעטיען וואס האבען איהם צייטווייליג בעגליקט דערצעהלען. פון דער אנדערער זייט פאדערט דראמע אויפבוי פון דער אקציע, א געוויסע ארכיטעקטור, אריינפיהר, קולמינאציאנס-פונקט און אויפלעזונג. „טוביה" בעזיצט נאר אדיינפיהר און קולמינאציאנס-פונקט, דער קאנפליקט פון טוביה'ן און זיינע טעכטער וואקסט, עס צעוואקסט זיך די טראגעדיע פון טוביה, עס קומט אבער קיין אויפלעזונג, עס דאכט זיך, אז עפעס איז געבליבען הענגען אין דער לופטען. איין זאך מוז מען אין אכט נעמען, דאס די דראמע איז א טראגעדיע פון טוביה גופא. עפיזאדען, פאסירונגען האבען דא אויך אזוי ווייט וויכטיגקייט, אויף וויפיעל זיי פערקלענערען, אדער פערגרעסערען טוב'ה'ס טראגעדיע.

אט דא ענפפלעקט זיך די קונסט פון בערקאוויטש, טוביה איז די זון און די איב-ריגע, לויטער עפיזאדישע פיגורען-פלא-נעטען. ער איז דאס הארץ, וועלכעס פולסירט און גיט לעבען די דראמע. ביי אזעלכע העלדען ווי טוביה, מוז דער דראמאטורג זיין פארזיכטיג. עס דראהט איהם דאס ער וועט דעם הויפט-העלד טוביה'ן איבערלאסטען, אדער ער וועט איהם נישט געבען די מעגליכקייט זיך אויסצורייד'ען. בערקאוויטש האט טוביה געשאפען אין גליקליכע שעה'ן. ער איז פאלקאם געלינגען, פון איין זייט איז טוביה בעשאנקען מיט דעם געזונטען אפטימיזם פון פאלקס-מענש מיט אברייט הארץ, וואס האט פאר אלעם פערשטענד-ניש, פאר אלעם אגוט ווארט, א פסוק. א משל — פון דער אנדערע זייט צעוואקסט ער זיך, געהט ארויס פון די ראמען פון א געוועהנליכען מענש. עס פאלען אויף איהם קלעפ פון גורל. ער פאלט א קרבן פון מנחם מענדל'ס „נעגיאלע" קאמבי-נאציעס. פון די טעכטער האט ער צרות. איינע קלויבט זיך אויס דעם שלימזל — מאטיל קאמזויל, די צווייטע ענטלויפט מיט דעם רעוואלוציאנער, די דריטע פערליבט זיך אין גארקין.

עס איז שוין נישט קיין געוועהנליכער טוביה עס איז דער יודישער קעניג ליר וועמען די טעכטער לאזען פערארימט פעראיינזאמט. ער איז דער יודישער קע-ניג ליר. ער האט אקעניגליכער נשמה מיט זיינע טראגישע-ליידן וואקסט ער אויס צו אן איוב, געטרעטען פון גורל פער-לירט ער זיך גישט, נאר האט נאך כח אויף פראטעסט, מיט הארץ און נשמה פרעגט ער: „פארוואס דו האסט אפ-געשניטען איין צווייג, א צווייטע, א דריטע, פארוואס האסטו נישט אינטער-געשניטען דעם גאנצען בוים אהן צוויי-גען? פארוואס האסטו בעשאפען אידען און נישט אידען? פארוואס האסטו זיי אפגעטיילט מיט אזא טיפען תהום.?!"

די ראל פון טוביה איז א שווערע אבער א טיעף דא:קבארע פאר א גוטען אקטיאר. דער גוטער אקטיאר האט דא א ברייט פעלד פאר אינטערפעטאציע און אימפראוויזאציע. בעזיצט דער יעני-גער א טיעפע אינטעליגענץ, ערודיציע אין פערשטענדניס פאר אזעלכע כאראק-טערען, ווי „טוביה" מוז ער זיך נישט שטענדיג האלטען שטרענג דעם סצע-

סוף זייט 8

# עס קאן זיין צו שפעט!

ווי בעוויסט געהערט דאס יודישע שפּיטאל צום אלגעמיינעם צווישען-קאַמונאלען שפּיטאל-פערבאַנד. די לעצטע טעג אָבער לאָזט זיך הערען, אז דער דערמאָנטער פערבאַנד ווערט אויפגעלעזען, און, אז דאָס יודישע שפּיטאָל זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין א קינדער שפּיטאָל אַדער אין אַ אַכראַנע.

די דאָזיגע ענדערונג אויב זי זאָל פערווירקליכט ווערן האָט פיעל צו זאָגען ווייל אין אזא פאל וועט דאָס יודישע שפּיטאָל ביסלעכווייז איבערגעהן אין רשות פון נישט-יודישע הענד.

מיר ווילען איצט נישט רעדען פון דעם, וואָס זיינט אַ געוויסע צייט אין ווענינ צו בעמערקען אין שפּיטאָל, אז דאָרט זאָל זיין א היים פאר יודישע קראנקע. מיר האָבען שוין נישט איין מאָהל אויפמערקזאם געמאכט אויף די שוועריגקייטען, וואָס יודישע קראנקע בעגעגנען ביים אריינבעקומען זיך אין יודישען שפּיטאָל. מיר האָבען שוין אויך אלארמירט, אז ס'זאָל ענדליך ענדגילטיג פעסטגעשטעלט ווערען דאָס יודישע אייגענטום-רעכט פון דער יודישער געזעלשאפט צום אַט דעם פּרעכטיקען און אזוי נויטיגען בנין, וואָס די נאָבעלע פאַטריאַכאלישע פאמיליע בעקערמאַן האָט איבערגעלאָזט א מתנה דער יודישער בעפעלקערונג. מיר האָבען גענוג געוועקט און אויפגעפאָדערט עפּעס צו-טוען אין דער ריכטונג. איצט אבער איז דער מאָמענט א ערנסטער און דער ריכטיקער שעת הכושר דאָס שפּיטאָל צוריק איבערנעמען אין יודישען רשות מען טאָר דאָס נישט גרינגשעצען, ווייל די קלענסטע פערנאַכלעסיגונג און צעגערונג קאָן פעראורזאַכען נישט קיין געהעריגע קאָנסעקווענצען און ס'קאָן אמאָל זיין צו-שפּעט.

## שושנה און מאָריס לאמפע שפּילען היינט „א הארץ וואָס בענקט“

די בעליבטע אַרטיסטען מאָריס לאָמפּע און שושנה זענען ביי אונז צום צווייטען מאָל צו-גאַסט. זיי שטעלען זיך אָב אין אונזער שטאָדט אויף דער צוריק-רייזע פון זייער טורנע.

צוליב דעם, וואָס די מעלאָדראַמע „א הארץ וואָס בענקט“ האָט דאָס פּרי-הערדיגע מאָהל זעהר אויסגענומען ביי די צושויער, ווערט די זעלבע זאַך אויסגעפיהרט צום צווייטען מאָהל.

די בעגאַבטע אַרטיסטען שושנה און מאָריס לאָמפּע זענען אין זייערע ראָלען אויסגעצייכענט גוט, באמת גלענצענד. אויך רעגינא בוימאַן און דראָנאָוו זענען גוט איינגעשפּילט און ווירקען [מיט גינסטיג צו דער אויפפירונג פון דער פּיעסע.

מיר וואָלטען ביי דער געלעגענהייט פערלאַנגט פון לאָמפּע. ער זאָל שטעלען „טוביה דער מילכיגער“ פון שלום עליכם'ען, אין וואָס ער בעווייזט זיך אין זיין גאַנצער קינסטלערישער פּראַכט. לאָמפּע האָט שוין איינמאָהל געשפּיעלט אין ראַדאָם „טוביה“ און טאַקע פון דעמאָלסט-אָן איז ער פערבליבען טיף אין זכרון פון היגען טעאַטער-עולם.

מיר וואָלטען גערן געוואָלט, אז איבער די איצטיגע פּיעסע זאָל אונז לאמפּע נאָך אמאָהל מהנה זיין מיט זיין וואונדערשעהנעם „טוביה“.

(סוף פון זייט 7)

נאריוש מיט איינענע אויפפאַסונג קען ער אויסשפּילען גאַנץ געלונגען געוויסע שטעלען. ווי געלינגען אויסציפּיהרען טוביה'ן האָט אונז געוויזען דער גלענצענדער אקטיאָר מאריס לאמפע. וועלכער האָט גוט פערשטאַנען די קאמפּליצירטע פּסיכיק פון טוביה'ן. מען פילט פּשוט דעם גייסטיגען געניוס פונם אַרטיסט, ווען עס געלונגט איהם פערקערפּערען טוביה אין זיך. לאמפּע ברענגט בולט ארויס דאָס בּרייט הארציקייט פון טוביה'ן זיין געזונטען הומאָר, און בעיקר דאָס טיעף אידישע וואָס שטעקט אין איהם. אין לאַמפּע'ס געפינט טוביה'ס קאַמף: מוט עצבות, בפּחון, זאגאר אמונה.

פרוי שושנה האָט געשפּילט מיט גענוג פערשטענדניס און פעראַנטוואָרטליכקייט. ערגער איז עס געוועזען מיט מנחם-מענדל דער ראָליסט איז ווענינ געווען צוגעפּאַסט צו דעם וואָס מיר שטעלען זיך פאָר אַלס מנחם מענדיל. די פיזיאָנאָמיע, דער הלוך, דער גרים כלל נישט פון מנחם-מענדעל דעם וואָס דער שלימזל פערפאָלגט אויף שריט און טריט. גיכער האָבען מיר געהאַט פאר זיך א באנקיר מיט אַ פיין אויס-געפּוצט פּנים.

פיל בעסער האָט זיך איינגעגעבען די ראָל פון מאָטעל-קאמוזיל, א טיפּישער שניידער יונג פון אמאָליגע צייטען.

עס פערבלייבט צווישען אַנדערע נאָך אַ וואונש: די אַרטיסטען זאָלען חענגער זיין אָבהענגיג פון סופלער, און אויב שוין יאָ אַ סופלער איז למען השם זאל ער מאַכען עס בלחש און נישט בקול רם.

קיעלץ. ל. קאַמף.





### דאַנקזאַגונג.

א הערצליכן דאַנק דריקן מיר אויס דער ווי' פר' בלימה ראטענבערג פאַר איר שפענדן 50 זל. לטובת בית-יתומים און דעם ג' דר. טאובנפעלד פאר'ן שפענדן 100 זל. אויף דעם זעלבען צוועק.

די פערוואַלטונג פון בית-יתומים אין ראדאָם,


# בעטייליגטע איז די ראדאָמער אנטי-יודישע עקסצעסען פאַר'ן געריכט.

**פון צוויי יאהר ביז דריי מאָנאטען תפיסה האָבען בעקומען די, וועלכע האָבען גענומען אנטייל אין אָנפאַל אויפן אומגעקומענעם ראדאָמער יונגערמאַן ליטוואַק.**

עהרנעכטען, מיטוואָך, זענען אויף דער בעשולדיגונגס-באַנק אין היגען קרייז-געריכט געזעסען 5 פוילישע יונגעלייט. זיי זענען צוגעצויגען געוואָרען צו געריכטליכע פעראַנטוואָרטליכקייט פאר בעטייליגען זיך אין די אַנטי-יודישע עקסצעסען, וועלכע זענען פאָרגעקומען היינטיגען זומער אין ראדאָם, בעת וועלכע עס איז מערדערליך פערוויגדעט געוואָרען דער היגער יודישער בחור ליטוואַק. ער האָט בעקומען עטליכע טיפע ווינדען אין קאָפּ, אז מ'האָט איהם געמוזט אוועקפיהרען קיין ווארשא אויף טשיסטא, וואו ר'איז אין שווערע ליידען געשטאָרבען.

דער בעשולדיגונג'ס-אַקט האָט פאָרגעוואָרפען די אָנגעקלאָגטע, אז זיי האָבען גענומען אַ אקטיווען אנטייל אין אָנפאַל אויף ליטוואַק'ען. דער פּראָקוראָר האָט געפאָדערט פאר זיי אַ האַרבע שטראָף.

אייגעם פון די בעשולדיגטע, קאָוואַליק האָט דאָס געריכט פער'משפּט אויף צוויי יאָהר תפיסה; א צווייטען, קאָזלאָווסקין — 6 מאָנאטען און א דריטען סכאַבאָוויטש אויף צוויי מאָנאַטען. די בעשולדיגטע פּיעלעצקי און לישיצקי זענען פרייגעשפּראָכען געוואָרען.

דער פּראָקוראָר, ווי אויך די פער-משפּט'ע האָבען געמאָלדען נאָכ'ן אויס-ליינען דעם אורטייל, אז זיי טראָגען אריין אַנ'אפּעלאַצ-יע.


דער בעוויסטער קירזשנער-וואַרשטאַט ש. שלאָס פון לובלין האָט געעפענט אין ראדאָם א פּראַצאָווניע גאס פּיערוושעגאַ מאַיאַ (וויסאָקאַ) 45

נעמט אָן און פיהרט אויס פּינקטליך און סאָליד אלע קירזשנער-אַרבייטען.

גוטע בעדינגונגען! —— צוגענגלכע פּרייזען!

40% ביליגער!

די נייעסטע — פאַסאָנען מעבעל פון פאַלגענדע מאַטעריאַלען:

ווענגערסקע יעשאָן, זלאָטאַ בושאָזע, פּיראַמידען, זשעברא, מאַכאָן און יעשאָן.

—— אויף גוטע בעדינגונגען. ——

דאָס אַלעס ווערט אויסגעפערטיגט ביי דער פירמע קליין, זשעראָמסקי 26